# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

פרשת נח, ג' חשון, שנת תשפ"ו לפ"ק — שנה 15, גליון 4 (722)

**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות.................5:44
מוצאי שבת קודש............7:13

**שיעורים כסדרן**
נ"ך............................חבקוק א'
בבלי.........................זבחים מ"א
ירושלמי..................סוטה מ"ז
תוספתא...........כלים בתרא ב'
רמב"ם................טוען ונטען ח'

## אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

וַתָּבֹא אֵלָיו הַיּוֹנָה לְעֵת עֶרֶב, וְהִנֵּה עֲלֵה זַיִת טָרָף בְּפִיהָ, וַיֵּדַע נֹחַ כִּי קַלּוּ הַמַּיִם מֵעַל הָאָרֶץ. וֶוען דִי טוֹיבֶּעלֶע אִיז צוּרִיק גֶעקוּמֶען צוּ נֹחַ מִיטְ'ן בְּלֶעטְל אִין מוֹיל, הָאט נֹחַ גֶעוואוּסְט אַז דִי וַואסֶער פוּנֶעם מַבּוּל הָאט שׁוֹין נָאכְגֶעלָאזְט. דִי מְפָרְשִׁים פְרֶעגְן וִוי אַזוֹי נֹחַ הָאט גֶעקֶענְט וִויסְן פוּן דֶעם בְּלֶעטְל אַז דִי וַואסֶער גֵייט שׁוֹין אַרָאפּ, וִוי אַזוֹי הָאט עֶר גֶעוואוּסְט אַז דִי טוֹיבֶּעלֶע הָאט עֶס יֶעצְט אָפְּגֶערִיסְן פוּנֶעם בּוֹים, אֶפְשָׁר הָאט זִי עֶס פָּשׁוּט גֶעטְרָאפְן שְׁוִוימֶען אוֹיפְ'ן וַואסֶער.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן ל"ה וְסִימָן ר"כ) אַז פַאר מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועט זִיךְ אַרָאפְּלָאזְן אוֹיף דֶער וֶועלְט אַ גְרוֹיסֶע נִסָּיוֹן פוּן אַפִּיקוֹרְסוּת, אוּן מֶען וֶועט דַארְפְן זֵייעֶר שְׁטַארְק זִיךְ דֶערְהַאלְטְן נִישְׁט צוּ וֶוערְן מִיטְגֶעשְׁלֶעפְּט, מֶען וֶועט זִיךְ דַארְפְן הַאלְטְן מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת נִישְׁט צוּ וֶוערְן אַוֶועקְגֶערִיסְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. הרה"ק מִסַאטְמַאר זצוק"ל בְּרֶענְגְט אַרָאפּ דִי הֵיילִיגֶע וֶוערְטֶער פוּן רֶבִּי'ן (וַיּוֹאֶל מֹשֶׁה, מַאֲמַר יִשּׁוּב אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, סִימָן ק"נ), אוּן עֶר לֵייגְט צוּ אַז דָאס אִיז אַן אָפֶענֶע רוּחַ הַקוֹדֶשׁ פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וָואס הָאט פָארְאוֹיס גֶעזֶען וָואס עֶס וֶועט זִיךְ אָפְּשְׁפִּילְן בְּעִקְבְתָא דִמְשִׁיחָא, אִין אוּנְזֶער שְׁוֶוערְן דוֹר, וֶוען מֶען דַארְף זִיךְ גָאר שְׁטַארְק דְרַאפֶּען אוּן מוּטְשֶׁען צוּ בְּלַייבְּן בַּיי דִי פָּשׁוּטֶע רֵיינֶע אֱמוּנָה. אוֹיךְ בְּרֶענְגְט עֶר דָארְט אַרָאפּ דֶעם מָשָׁל וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אִיבֶּער דֶעם (כּוֹכְבֵי אוֹר, סִיפּוּרִים נִפְלָאִים, סִימָן ד') פוּן אַ קֶענִיג וָואס אִיז גֶעוֶוען אִין וַואלְד אוּן עֶס הָאט זִיךְ אַרָאפְּגֶעלָאזְט אַ שְׁוֶוערֶע רֶעגְן, אַלֶע שָׂרֵי הַמְּלוּכָה, אַלֶע גְרוֹיסֶע מִינִיסְטָארְן, הָאבְּן אִים אִיבֶּערְגֶעלָאזְט אַלֵיין, אוּן נָאר אַ פָּשׁוּטֶער דָארְפְסְמַאן הָאט אִים גֶערַאטֶעוֶועט, אוּן וֶוען דִי רֶעגְן הָאט נָאכְגֶעלָאזְט הָאט דֶער קֶענִיג בַּאפוֹילְן אַז דַוְקָא דֶער פָּשׁוּטֶער דָארְפְסְמַאן זָאל אִים טְרָאגְן אִין פַּאלַאץ אוּן אִים אַרוֹיפְזֶעצְן אוֹיפְ'ן קֶענִיגְלִיכְן שְׁטוּל; אוּן אַזוֹי וֶועט זַיין בְּעִקְבְתָא דִמְשִׁיחָא, עֶס וֶועט זַיין אַ שְׁוֶוערֶע מַבּוּל, אָבֶּער נִישְׁט קַיין מַבּוּל פוּן וַואסֶער נָאר אַ מַבּוּל פוּן אַפִּיקוֹרְסוּת, אוּן עֶס וֶועט אַרַיינְשְׁפְּרִיצְן אוֹיךְ אִין דִי כָּשֵׁר'ע הֶערְצֶער, אוּן מִיט חָכְמוֹת וֶועט מֶען זִיךְ נִישְׁט קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן דֶעמָאלְט, נָאר דִי פָּשׁוּטֶע אִידְן וָואס דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פָּשׁוּטֶערְהֵייט מִיט זָאגְן תְּהִלִּים א.ד.ג., זֵיי וֶועלְן זִיךְ קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן, אוּן זֵיי וֶועלְן אַרוֹיפְלֵייגְן דֶעם קְרוֹין אוֹיפְ'ן קָאפּ פוּן מָשִׁיחַ צִדְקֵינוּ.

יֶעצְט וֶוען מִיר הַאלְטְן אִינְמִיטְן דֶעם שְׁוֶוערְן מַבּוּל, עֶס גִיסְט זִיךְ אַפִּיקוֹרְסוּת פוּן אַלֶע זַייטְן רַחֲמָנָא לִיצְלָן, דַארְפְן מִיר דָאס לֶערְנֶען אוּן חַזֶר'ן, אוּן זִיךְ הַאלְטְן זֵייעֶר שְׁטַארְק נִישְׁט צוּ וֶוערְן פַארְשְׁוֶועמְט פוּן דִי בִּיטֶערֶע שְׁרֶעקְלִיכֶע וַואסֶערְן, זִיךְ דֶערְהַאלְטְן מִיט דִי פָּשׁוּטֶע אוּן רֵיינֶע אֱמוּנָה.

וִוי אַזוֹי קֶען מֶען זִיךְ דֶערְהַאלְטְן? "מַעֲשֵׂה אָבוֹת סִימָן לַבָּנִים", מִיר דַארְפְן קוּקְן וִוי אַזוֹי נֹחַ הָאט זִיךְ דֶערְהַאלְטְן בַּיים מַבּוּל, אוּן דָאס נָאכְמַאכְן זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן אוֹיךְ אִין אוּנְזֶער מַבּוּל. נֹחַ אִיז גֶערַאטֶעוֶועט גֶעוָוארְן דוּרְךְ דִי תֵּיבָה, אַ תֵּיבָה אִיז אַ קַאסְטְן, אָבֶּער "תֵּיבָה" מֵיינְט אוֹיךְ אַ "וָוארְט", דוּרְךְ דִי וֶוערְטֶער פוּן תּוֹרָה אוּן תְּפִלָּה, אַ אִיד גֵייט יֶעדְן טָאג דְרֵיי מָאל אַ טָאג אִין שׁוּל, דַאוֶוענֶען דִי דְרֵיי תְּפִלּוֹת שַׁחֲרִית מִנְחָה אוּן מַעֲרִיב, רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דִי זֶעלְבֶּע מִיט דִי וֶוערְטֶער פוּן תּוֹרָה, זָאגְן אַסַאךְ דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, זָאגְן תְּהִלִּים; עֶס זֶעט אוֹיס וִוי פָּשׁוּטֶע זַאכְן, אָבֶּער דַוְקָא דָאס אִיז דִי תֵּיבָה וָואס בַּאשִׁיצְט אוּנְז, דַוְקָא נָאר דִי פָּשׁוּטֶע זַאכְן קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן דֶעם מֶענְטְשׁ עֶר זָאל נִישְׁט דֶערְטְרָאנְקֶען וֶוערְן אִינֶעם מַבּוּל פוּן אַפִּיקוֹרְסוּת.

דִי בְּלֶעטֶער גְמָרָא אוּן מִשְׁנָיוֹת, דִי בְּלֶעטֶער פוּנֶעם סִידוּר'ל; וֶוען מֶען נֶעמְט אַרַיין דִי בְּלֶעטֶעלֶעךְ אִין מוֹיל, דֶעמָאלְט לָאזְט נָאךְ דֶער מַבּוּל, דֶעמָאלְט וֶוערְט מֶען גֶערַאטֶעוֶועט פוּנֶעם מַבּוּל. דָאס קֶען מֶען אָבֶּער בַּאקוּמֶען דוּרְכְ'ן צַדִּיק, דֶער צַדִּיק גֶעבְּט אוּנְז דִי עֵצוֹת אוּן חִיזוּק וִוי אַזוֹי יֶעדֶער אִיד זָאל קֶענֶען זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג, צוּ דַאוֶוענֶען יֶעדְן טָאג, צוּ עֶפֶענֶען דָאס מוֹיל אוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

וֶוען נֹחַ הָאט גֶעזֶען וִוי דִי טוֹיבֶּעלֶע, דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער וָואס זֶענֶען צוּגֶעגְלִיכְן צוּ אַ טוֹיבֶּעלֶע (שַׁבָּת מ"ט.), וִוי זִי קוּמְט צוּ פְלִיעֶן מִיט אַ בְּלֶעטֶעלֶע אִין מוֹיל, מִיט דִי פָּשׁוּטֶע תּוֹרָה אוּן תְּפִלָּה אִין מוֹיל, הָאט נֹחַ גְלַייךְ פַארְשְׁטַאנֶען אַז דָאס הָאט זִי נִישְׁט גֶעטְרָאפְן סְתָּם אַרוּמְשְׁוִוימֶען אוֹיפְ'ן וַואסֶער, דָאס הָאט זִי זִיכֶער בַּאקוּמֶען פוּן אַ בּוֹים, וָואס דָאס אִיז דֶער צַדִּיק, וִוי דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר זָאגְט (תִּיקוּנֵי זוֹהַר, תִּיקּוּן נ"ב) "עֵץ דָא צַדִּיק". וֶוען אַ אִיד אִיז זוֹכֶה צוּ טְרֶעפְן דֶעם צַדִּיק, דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, וֶועט עֶר זִיךְ קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן מִיט דִי פָּשׁוּטֶע זַאכְן, דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט תּוֹרָה אוּן תְּפִלָּה, אוּן דוּרְךְ דֶעם גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן פוּנֶעם מַבּוּל, אוּן דַאן הָאט נֹחַ פַארְשְׁטַאנֶען אַז דִי שְׁוֶוערֶע וַואסֶערְן פוּנֶעם מַבּוּל הָאבְּן שׁוֹין זִיכֶער נָאכְגֶעלָאזְט, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן ר"כ), "אִיךְ וֵוייס אַז מַיינֶע מֶענְטְשְׁן וֶועלְן זִיךְ דֶערְהַאלְטְן מִיט אֱמוּנָה, בְּלַייבְּן שְׁטַארְק מִיט אֱמוּנָה, טְרָאץ דִי אַלֶע שְׁוֶועריִקַייטְן בְּעִקְבְתָא דִמְשִׁיחָא". (אֲשֶׁר הָיָה אֶל יוֹאֵל, פָּרָשַׁת נֹחַ תשפ"ב)

## מוֹהַרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### וואוּ לוֹיפְסְטוּ?

דֶער הֵיילִיגֶער צַדִּיק רֶבִּי לֵוִי יִצְחָק פוּן בַּארְדִיטְשׁוּב זי"ע הָאט אַמָאל גֶעזֶען וִוי אַ אִיד לוֹיפְט אַרוֹיס פוּן שׁוּל אִינְדֶערְפְרִי, עֶר לוֹיפְט צוּ דִי אַרְבֶּעט, הָאט עֶר אִים אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט אוּן גֶעפְרֶעגְט וואוּ עֶר לוֹיפְט, הָאט דֶער אִיד גֶעעֶנְטְפֶערְט אַז עֶר לוֹיפְט מַאכְן פַּרְנָסָה, הָאט אִים דֶער צַדִּיק גֶעזָאגְט: "וֶוער זָאגְט אַז דוּ לוֹיפְסְט צוּ דַיין פַּרְנָסָה, אֶפְשָׁר לוֹיפְסְטוּ אַוֶועק פוּן דַיין פַּרְנָסָה?...

וֶוען אַ אִיד הָאט אֱמוּנָה, עֶר גְלֵייבְּט אַז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט פַּרְנָסָה, עֶר וֵוייסְט אַז קֵיינֶער קֶען נִישְׁט צוּכַאפְּן זַיין פַּרְנָסָה אָן דִי ווִילְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַאן וֶועט עֶר קֶענֶען רוּאִיגֶערְהֵייט דַאוֶוענֶען אִינְדֶערְפְרִי מִיט מִנְיָן, אוּן עֶר וֶועט אֲפִילוּ קֶענֶען לֶערְנֶען עֶטְלִיכֶע שִׁיעוּרֵי תּוֹרָה נָאכְן דַאוֶוענֶען, אוּן עֶר וֶועט נִישְׁט אַזוֹי מוֹרָא הָאבְּן אַז עֶר וֶועט פַארְפַּאסְן אַ קָאסְטוּמֶער, אָדֶער אַז עֶר וֶועט פַארְלִירְן גֶעלְט וֶוען מֶען וֶועט אַרָאפְּרֶעכֶענֶען דִי צַייט פוּן דִי אַרְבֶּעט.

נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט פַּרְנָסָה, פוּן דַאוֶוענֶען גֶעהֶערִיג נָארְמַאל, אוּן פוּן לֶערְנֶען תּוֹרָה, פַארְלִירְט מֶען נִישְׁט דִי פַּרְנָסָה;

<<<<<<

## א גוט ווארט

הָאסְט מִיר גֶעפְרֶעגְט וָואס דוּ קֶענְסְט זִיךְ מְקַבֵּל זַיין, אַ גוּטֶע זַאךְ לְכָבוֹד דַיין גֶעבּוּרְטְס טָאג.

זַיי זִיךְ מְקַבֵּל אַז וֶוען דוּ וֶועסְט זַיין בַּיי אַ שִׂמְחָה, אַ פַּארְטִי וְכַדוֹמֶה - זָאלְסְטוּ אַהֵיים בְּרֶענְגֶען אַ גוּטֶע זַאךְ פַאר דַיין וַוייבּ. דָאס אִיז נִישְׁט קַיין פָּשׁוּטֶ'ע זַאךְ, דִי גוּטֶע קַבָּלָה גֶעפִינֶען מִיר אִין דִי גְמָרָא בַּיים הֵיילִיגְן רַבִּי חִיָּיא (יְבָמוֹת סג.): "כִּי הֲוָה מַשְׁכַּח מִידִי", וֶוען עֶר פְלֶעגְט זֶען אַ גוּטֶע זַאךְ וָואס זַיין וַוייבּ הָאט לִיבּ, "צַיֵּיר לֵיהּ בְּסוּדְרֵיהּ", פְלֶעגְט עֶר דָאס שַׁיין אַיינְפַּאקְן, "וּמַיְיתֵי נִיהֲלָהּ", אוּן עֶס אַהֵיים גֶעבְּרֶענְגְט פַאר אִיר. דִי גְמָרָא זָאגְט, עֶר הָאט גֶעזָאגְט אַז עֶר טוּט דָאס וַוייל "שֶׁמְּגַדֶּלֶת בָּנֵינוּ", זִי צִיט אוֹיף מַיינֶע קִינְדֶער צוּ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, "וּמַצִּילוֹת אוֹתָנוּ מִן הַחֵטְא", אוּן זִי רַאטֶעוֶועט מִיךְ פוּן עֲבֵירוֹת; דָאס זָאלְסְטוּ זִיךְ פָארְנֶעמֶען לְכָבוֹד דַיין גֶעבּוּרְטְס טָאג.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה בְּרֵאשִׁית תשפ"ו)

## אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

# בְּרוּדֶער, שְׁטַארְק זִיךְ!

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

יוֹם א' פַּרְשַׁת נֹחַ, כ"ז תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

עֶס קוּמְט מִיר אַ מַזָּל טוֹב, מִיר הָאבְּן גֶעהַאט אַ גֶעזוּנְטֶע קִינְד, אַ בֵּן זָכָר; מָה אָשִׁיב לַשֵּׁם, כָּל תַּגְמוּלוֹהִי עָלָי. שַׁבָּת בִּין אִיךְ גֶעוֶוען בַּיי מַיין טַאטֶע שְׁלִיטָ"א, עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ שֵׁיינֶעם שָׁלוֹם זָכָר בַּיי אִים אִין שְׁטוּבּ, אוֹיךְ אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זֶענֶען גֶעקוּמֶען וִוינְטְשְׁן מַזָּל טוֹב. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַלֶע זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ קִינְדֶער אוּן צוּ נַחַת בַּיי זֵיי.

מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין דֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר אֲשֶׁר בְּנַחַל וֶועסְטוּ זִיךְ אַזוֹי מְחַיֶּ' זַיין, מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶענוּמֶען דִי וֶוערְטֶער פוּן רֶבִּי'ן אוּן מוֹהַרְנַ"ת אוּן דָאס אַזוֹי אַרָאפְּגֶעבְּרֶענְגְט פַאר אוּנְז, מִיר זָאלְן זִיךְ קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן אִין אוּנְזֶערֶע שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת, נִישְׁט אוֹיפְצוּגֶעבְּן, אוּן אֲפִילוּ מֶען אִיז נֶעבֶּעךְ אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין בְּלָאטֶע, מֶען לִיגְט אִין טוּמְאָה - זָאל מֶען זִיךְ פוּן דָארְט אוֹיפְהֵייבְּן אוּן זִיךְ צוּרִיקְקֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן וִויסְן אוּן גְלֵייבְּן אַז 'דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט מִיר, בַּיי מִיר אוּן נֶעבְּן מִיר'.

בְּרוּדֶער שְׁטַארְק זִיךְ, דֶער רֶבִּי זָאגְט נִישְׁטָא קֵיין יֵאוּשׁ (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן עח), אוּן אַז דֶער רֶבִּי זָאגְט נִישְׁטָא קֵיין יֵאוּשׁ - אִיז אַזוֹי, אוּן אֲפִילוּ דוּ בִּיסְט אַזוֹי וַוייט גֶעפַאלְן, בִּיסְט גֶעפַאלְן אִין פְּגַם הַבְּרִית רַחֲמָנָא לִצְלָן, בִּיסְט גֶעפַאלְן אִין קוּקְן דָאס עֶרְגְסְטֶע זַאכְן, בִּיסְט גֶעפַאלְן אִין הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן רַחֲמָנָא לִישֵׁזְבָן - זָאלְסְטוּ גְלֵייבְּן בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵימָה אַז פוּן דָארְט קֶען מֶען זִיךְ אוֹיךְ צוּרִיקקֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אָנְהֵייבְּן פוּנְדָאסְנַיי, אוּן אַז עֶס קוּמְט דִיר אַרַיין מַחֲשָׁבוֹת: 'וָואס? אִיךְ קֶען תְּשׁוּבָה טוּן? אִיךְ קֶען נָאךְ זַיין אַ צַדִּיק? אִיךְ הָאבּ דָאךְ יֶעצְט גֶעטוּן אַזַא עֶקְלְדִיגֶע זַאךְ, אִיךְ בִּין אַזוֹי שְׁלֶעכְט, אִיךְ טוּ דָאס עֶרְגְסְטֶע'; זָאלְסְטוּ וִויסְן אַז דֶער רֶבִּי זָאגְט: "מֶען זָאל נִישְׁט אִיבֶּער טְרַאכְטְן", דָאס אִיז דִי עֶרְשְׁטֶע שְׁלַב פוּנֶעם תִּיקּוּן, אוּן אַוַדַאי זָאלְסְטוּ שוֹין יֶעצְט זָאגְן דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים אוּן זִיךְ אוֹיסְוֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִים בֶּעטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער נֶעם אָן מַיין תְּשׁוּבָה, נֶעם אָן מַיין צֶעבְּרָאכֶענֶע הַארְץ, אִיךְ וִויל נִישְׁט טוּן דִי שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן, אִיךְ וִויל זַיין גוּט, אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט אַ נִסָּיוֹן אוּן אִיךְ בִּין גֶעפַאלְן פַאר דֶעם, אִיךְ הָאבּ חֲרָטָה, אִיךְ גֵיי שוֹין זַיין גוּט אוּן וואוּיל"; זָאלְסְטוּ זַיין זִיכֶער בַּיי דִיר אַז דִי פָּאר וֶוערְטֶער דָאס אִיז אַזוֹי הֵיילִיג, דָאס גֵייט אַרוֹיף צוּ דִי הֶעכְסְטֶע פְּלַאץ.

לֵייג אַוֶועק דַיין סוּכָּה, דִי מִדָּה פוּן זְרִיזוּת אִיז זֵייעֶר הֵיילִיג, מֶען קֶען זוֹכֶה זַיין דוּרְכְדֶעם צוּ דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגוֹת.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה נֹחַ תשפ"ו)

## סֵפֶר הַמִּדּוֹת תּוֹכָחָה

ג. עַל יְדֵי שֶׁאֵין מְקַבֵּל תּוֹכָחוֹת, נֶחֱרָב מְעוֹנוֹ. וֶוער עֶס נֶעמְט נִישְׁט אָן קַיין מוּסָר, וֶוערְט חָרוּב זַיין וואוֹינוּנְג.

ד. מִי שֶׁמּוֹכִיחַ אֶת הָעוֹלָם שֶׁלֹּא בְּחָכְמָה, עַל יְדֵי זֶה מְעוֹרֵר חַס וְשָׁלוֹם גָּלוּת גָּדוֹל וְהַכְבָּדָה מֵהָאֻמּוֹת. וֶוער עֶס מוּסָר'ט דֶעם עוֹלָם אוֹיף אַ נִישְׁט קְלוּגֶע וֶועג, בְּרֶענְגְט עֶר דוּרְךְ דֶעם אַ גְרוֹיסֶער גָלוּת אוּן שְׁוֶועריִקַייטְן פוּן דִי גוֹיִם.



פַארְקֶערְט, מֶען פַארְדִינְט נָאר אַסַאךְ פוּן דֶעם סֵיי בְּרוּחֲנִיּוּת אוּן סֵיי בְּגַשְׁמִיּוּת.

אוֹיבּ פַארְקוּרְצֶערְט מֶען דָאס דַאוֶוענֶען, פַארְלִירְט מֶען נָאר סֵיי בְּרוּחֲנִיּוּת אוּן סֵיי בְּגַשְׁמִיּוּת, בְּרוּחֲנִיּוּת אִיז פָּשׁוּט אַז מֶען פַארְלִירְט דָאס דַאוֶוענֶען גֶעהֶערִיג אוּן דָאס לֶערְנֶען, אוּן אוֹיךְ בְּגַשְׁמִיּוּת פַארְלִירְט מֶען, וַוייל דִי כֵּלִי צוּ קֶענֶען הָאבְּן פַּרְנָסָה אִיז דָאס דַאוֶוענֶען, אוּן אַז דִי כֵּלִי אִיז נִישְׁט גַאנְץ, אִיז נִישְׁטָא קֵיין כֵּלִי אִין וָואס דִי שֶׁפַע זָאל זִיךְ הַאלְטְן. דֶערִיבֶּער דַארְף מֶען זִיךְ שְׁטַארְקְן צוּ גֵיין אִין שׁוּהל דַאוֶוענֶען מִיט מִנְיָן, אוּן דַוְקָא דַאן וֶועט דִי שֶׁפַע פְלִיסְן אוּן מֶען וֶועט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע גֶעשֶׁעפְטְן.

וֶוער עֶס דַאוֶוענְט מִיט "מִנְיָן", אִיז פַארְזִיכֶערְט אַז עֶר וֶועט הָאבְּן אַ "דָּבָר שֶׁבְּמִנְיָן", אַז עֶר וֶועט הָאבְּן גֶעלְט. וַוייל מִיט דֶעם וָואס מֶען דַאוֶוענְט מִיט מִנְיָן וַוייזְט מֶען אַז מֶען הָאט בִּטָּחוֹן אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען פַארְלָאזְט זִיךְ אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר וֶועט גֶעבְּן פַּרְנָסָה, אוּן צוּלִיבּ דֶעם וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְן אַז מֶען וֶועט הָאבְּן פַּרְנָסָה בְּשֶׁפַע אוּן מֶען אִיז זֵייעֶר שְׁטַארְק מַצְלִיחַ.

### וֶוער אִיז מֶער מַצְלִיחַ?

דֶער הֵיילִיגֶער בֶּן אִישׁ חַי זי"ע הָאט דֶערְצֵיילְט אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע מַעֲשֶׂה אִיבֶּער דֶעם עִנְיָן. עֶס אִיז אַמָאל גֶעוֶוען אִין אַ שְׁטָאט צְוֵויי אִידְן וָואס הָאבְּן גֶעהַאט אַ גֶעשֶׁעפְט פוּן סְחוֹרוֹת, אֵיינֶער פוּן זֵיי פְלֶעגְט עֶפֶענֶען זַיין גֶעשֶׁעפְט יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי זִיבְּן אַזֵייגֶער, עֶר הָאט גֶעוָואלְט זַיין אָפְן וִוי לֶענְגֶער אוּן מַאכְן דָאס מֶערְסְטֶע גֶעלְט, פְלֶעגְט עֶר אוֹיפְשְׁטֵיין גָאר פְרִי אוּן אָפְּכַאפְּן דָאס דַאוֶוענֶען, עֶר הָאט גֶעזָאגְט בָּרוּךְ שֶׁאָמַר, אַשְׁרֵי, יִשְׁתַּבַּח, בִּרְכוֹת קְרִיאַת שְׁמַע אוּן שְׁמוֹנָה עֶשְׂרֵה, אוּן עֶר אִיז גֶעלָאפְן עֶפֶענֶען דָאס גֶעשֶׁעפְט, נִיטְאַמָאל הָאט עֶר גֶעהַאט צַייט צוּ עֶסְן פְרִישְׁטָאג.

דֶער צְוֵוייטֶער אִיד הָאט זִיךְ גֶעפִירְט גַאנְץ אַנְדֶערְשׁ, עֶר אִיז צוּעֶרְשְׁט גֶעגַאנְגֶען אִין מִקְוֶה אִינְדֶערְפְרִי, דֶערְנָאךְ הָאט עֶר זִיךְ גֶעשְׁטֶעלְט רוּאִיג דַאוֶוענֶען מִיט מִנְיָן, אוּן עֶר הָאט נָאךְ גֶעלֶערְנְט אַסַאךְ שִׁיעוּרִים נָאכְן דַאוֶוענֶען, דֶערְנָאךְ אִיז עֶר אַהֵיים גֶעגַאנְגֶען עֶסְן פְרִישְׁטָאג, אוּן עֶרְשְׁט דַאן אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען עֶפֶענֶען זַיין גֶעשֶׁעפְט, וָואס דָאס אִיז שוֹין גֶעוֶוען גֶעוֶוענְלִיךְ אוּם אֵיינְס אַזֵייגֶער נָאכְמִיטָאג.

דֶער עֶרְשְׁטֶער אִיז גֶעוֶוען פְרֵיילִיךְ אַז עֶר אִיז אָפְן אַסַאךְ פְרִיעֶר אוּן אַלֶע קוּנְדְן קוּמֶען צוּ אִים נָאךְ אֵיידֶער דֶער צְוֵוייטֶער הָאט אֲפִילוּ גֶעעֶפְנְט זַיין גֶעשֶׁעפְט. בִּיז אֵיין טָאג...

אֵיין טָאג אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אִין שְׁטָאט אַ גָאר טֵייעֶרֶע סְחוֹרָה, וָואס מֶען הָאט גֶעקֶענְט פוּן דֶעם פַארְדִינֶען גָאר אַסַאךְ גֶעלְט, בֵּיידֶע פוּן זֵיי הָאבְּן גֶעקוֹיפְט אַסַאךְ פוּן דִי סְחוֹרָה, אוּן צוּמָארְגְנְס הָאט דֶער עֶרְשְׁטֶער גֶעעֶפְנְט זַיין גֶעשֶׁעפְט גָאר פְרִי, אַזוֹי אַז יֶעדֶער זָאל קוּמֶען לוֹיפְן צוּ אִים קוֹיפְן דִי טֵייעֶרֶע סְחוֹרָה.

דֶער פָּרִיץ פוּן שְׁטָאט הָאט גֶעהֶערְט אַז עֶס אִיז אָנְגֶעקוּמֶען דִי נַייעֶ טֵייעֶרֶע סְחוֹרָה, הָאט עֶר גֶעשִׁיקְט זַיין בַּאדִינֶער עֶס צוּ קוֹיפְן, דֶער בַּאדִינֶער אִיז אָנְגֶעקוּמֶען גְלַייךְ אִינְדֶערְפְרִי צוּ דֶעם עֶרְשְׁטְן גֶעשֶׁעפְט, אוּן גֶעזָאגְט אַז דֶער פָּרִיץ בֶּעט אִים אַז עֶר זָאל אַרִיבֶּער קוּמֶען מִיט עֶטְלִיכֶע בַּיישְׁפִּילְן פוּן דִי טֵייעֶרֶע סְחוֹרָה צוּ זֶען אוֹיבּ דָאס אִיז גוּט פַאר אִים, אוּן אֶפְשָׁר וֶועט עֶר אוֹיךְ קוֹיפְן פַאר זַיין מִשְׁפָּחָה אוּן זַיינֶע בַּאקַאנְטֶע.

צוּפִיל בְּרֵירוֹת הָאט דֶער אִיד נִישְׁט גֶעהַאט, דֶעם פָּרִיץ קֶען מֶען נִישְׁט אָפְּזָאגְן, עֶר הָאט גֶעדַארְפְט פַארְמַאכְן דָאס גֶעשֶׁעפְט אוּן אַרִיבֶּער גֵיין צוּפְרִידְן שְׁטֶעלְן דֶעם פָּרִיץ. לְמַעֲשֶׂה הָאט עֶר גֶעמוּזְט פַארְבְּרֶענְגֶען אַסַאךְ צַייט בַּיים פָּרִיץ, דֶער פָּרִיץ הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט מַחְלִיט זַיין וָואס עֶר וִויל עֶר הָאט אוֹיךְ גֶערוּפְן זַיין וַוייבּ, דִי פָּרִיצְ'טֶע, אָבֶּער זִי הָאט אוֹיךְ נִישְׁט גֶעוואוּסְט פּוּנְקְטְלִיךְ וָואס זִי וִויל, עֶר הָאט גֶערוּפְן זַיינֶע קִינְדֶער אוּן זֵיי הָאבְּן אוֹיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט זָאגְן וָואס צוּ נֶעמֶען, אוּן אַזוֹי הָאט זִיךְ עֶס גֶעצוֹיגְן בִּיז פַארְנַאכְט'ס, אוּן אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט זֶענֶען דִי שְׁטָאטְ'ס מֶענְטְשְׁן גֶעגַאנְגֶען צוּם צְוֵוייטְן גֶעשֶׁעפְט וָואס הָאט שוֹין אִינְצְוִוישְׁן גֶעעֶפְנְט, אוּן אַיינְגֶעקוֹיפְט דָארְטְן דִי טֵייעֶרֶע סְחוֹרָה, מֶען הָאט אָפְּגֶעקוֹיפְט פוּן אִים דִי גַאנְצֶע סְחוֹרָה, אוּן עֶר הָאט פַארְדִינְט פוּן דֶעם גָאר אַסַאךְ גֶעלְט.

דֶער עֶרְשְׁטֶער הָאט פַארְבְּרֶענְגְט בַּיים פָּרִיץ דִי גַאנְצֶע טָאג, אוּן לְמַעֲשֶׂה אִיז דִי גַאנְצֶע זַאךְ נִישְׁט גֶעפָאלְן פַארְן פָּרִיץ אוּן עֶר הָאט אִים אַוֶועקְגֶעשִׁיקְט מִיט לֵיידִיגֶע הֶענְט, אוּן עֶר הָאט גֶעמוּזְט אַהֵיים גֵיין מִיט גְרוֹיס עַגְמַת נֶפֶשׁ.

זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דֶערְלֵייגְט מֶען נִישְׁט, דַוְקָא דֶער צְוֵוייטֶער וָואס הָאט זִיךְ פַארְלָאזְט אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן הָאט נָאר מֶער פַארְדִינְט בְּרוּחֲנִיּוּת וּבְגַשְׁמִיּוּת.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק ט"ז עֶרֶךְ "בִּטָּחוֹן")

# מִיטְ'ן רֶעכְטְן פוּס

שְׁטֵייעֶנְדִיג בַּיים אָנְהוֹיבּ פוּנֶעם יָאר, זוּכְט יֶעדֶער אִיד זִיךְ פָּארְצוּנֶעמֶען גוּטֶע זַאכְן פַאר'ן יָאר, לָאמִיר אַבִּיסְל אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן עֶטְלִיכֶע פְּשׁוּטֶע אָבֶּער וִויכְטִיגֶע זַאכְן וָואס לוֹינְט זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן מִיט זֵיי, אָנְצוּהוֹיבְּן דֶעם נֵייעֶם יָאר מִיטְ'ן רֶעכְטְן פוּס.

## דַאוֶונֶען מִיט מִנְיָן

דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ דַארְף זִיךְ אַ אִיד פָּארְנֶעמֶען צוּ דַאוֶונֶען יֶעדְן טָאג מִיט מִנְיָן אִין בֵּית הַמִדְרָשׁ, מֶען זֶעט אַז מֶענְטְשְׁן זֶענֶען מְזַלְזֵל אִין דֶעם, וְוִי חַזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת ו:) אַז דַאוֶונֶען אִיז גָאר אַ הוֹיכֶע גְרוֹיסֶע זַאךְ אָבֶּער מֶענְטְשְׁן זֶענֶען מְזַלְזֵל אִין דֶעם, מֶען אִיז זִיךְ מוֹרֶה הֶיתֵּר צוּ דַאוֶונֶען אִינְדֶערְהֵיים בִּיְחִידוּת, אוּן דוּרְךְ דֶעם פַארְלִירְט מֶען דִי מִצְוָה פוּן תְּפִלָּה בְּצִיבּוּר, עֶנְטְפֶערְן אָמֵן, קְדוּשָׁה, בָּרְכוּ, אוּן קְרִיאַת הַתּוֹרָה. אוּן בֶּאֱמֶת אִיז שׁוֹין הַיינְט נִישְׁטָא קַיין תֵּירוּץ פַארְוָואס נִישְׁט צוּ דַאוֶונֶען מִיט מִנְיָן, וַוייל הַיינְט אִיז שׁוֹין דָא כִּמְעַט אוֹיף יֶעדֶע גַאס אַ בֵּית הַמִדְרָשׁ, אוּן עֶס אִיז דָא מִנְיָנִים פוּן גָאר פְרִי בִּיז גָאר שְׁפֶּעט, אוּן מֶען קֶען שְׁטֶענְדִיג טְרֶעפְן אַ מִנְיָן צוּ דַאוֶונֶען.

דֶער יֵצֶר הָרַע הָאט אָבֶּער לִיבּ צוּ צוּבְּרֶעכְן דֶעם מֶענְטְשׁ, "וָואס הָאסְטוּ צוּ גֵיין דַאוֶונֶען? דוּ וֵוייסְט דָאךְ יָא וְוִי אַזוֹי דוּ זֶעסְט אוֹיס, דוּ בִּיזְט דָאךְ זֵייעֶר וַוייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דוּ בִּיזְט פוּל מִיט עֲבֵירוֹת, אוּן דָא קוּמְסְטוּ דַאוֶונֶען אִין בֵּית הַמִדְרָשׁ? דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף נִישְׁט אַזַא דַאוֶונֶען", אָבֶּער דָאס אִיז נָאר דֶער שְׁלֶעכְטֶער יֵצֶר הָרַע וָואס פַארְגִינְט נִישְׁט דֶעם מֶענְטְשׁ, וַוייל דֶער אֱמֶת אִיז פוּנְקְט פַארְקֶערְט, אוֹיבּ בִּין אִיךְ טַאקֶע אַזוֹי שְׁלֶעכְט, וֶועל אִיךְ כָאטְשׁ טוּן וָואס אִיךְ קֶען יָא, אִיךְ וֶועל כָאטְשׁ דַאוֶונֶען אִין שׁוּל אוּן דָאס וֶועט מִיר הֶעלְפְן אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן אַלֶע אַנְדֶערֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען, וְוִי חַזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת טז.) אַז דִי בָּתֵּי מִדְרָשִׁים זֶענֶען וְוִי אַ מִקְוֶה וָואס רֵיינִיגְט אוּן הֵיילִיגְט דֶעם מֶענְטְשׁ, אַזוֹי אוֹיךְ דֶער בֵּית הַמִדְרָשׁ הֵיילִיגְט אוּן רֵיינִיגְט דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן אַלֶע עֲבֵירוֹת, אוּן דֶערְפַאר אוֹיבּ בִּין אִיךְ פִיל מִיט עֲבֵירוֹת, וֶועל אִיךְ הֶערְשְׁט גֵיין אִין שׁוּל דַאוֶונֶען אוּן דָאס וֶועט מִיר הֶעלְפְן אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן מַיין שְׁלֶעכְטְס.

## מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין

אוֹיךְ אִיז יֶעצְט אַ גוּטֶע צַייט זִיךְ פָּארְצוּנֶעמֶען צוּ מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין יֶעדֶע וָואךְ, מֶענְטְשְׁן זוּכְן אַלֶע מִינֵי סְגוּלוֹת פַאר אֲרִיכוּת יָמִים, אוּן דָא אִיז דָא אַ סְגוּלָּה פוּן חַזַ"ל, וְוִי חַזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת ח.) לְעוֹלָם יַשְׁלִים אָדָם פַּרְשִׁיוֹתָיו עִם הַצִּיבּוּר שֶׁכָּל הַמַשְׁלִים פַּרְשִׁיוֹתָיו עִם הַצִּיבּוּר מַשְׁלִימִין לוֹ יָמָיו וּשְׁנוֹתָיו, זֶעט מֶען אַ קְלָארֶע צוּזָאג פוּן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים אַז וֶוער עֶס וֶועט מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין, וֶועט לֶעבְּן לַאנְג.

דִי בֶּעסְטֶע זַאךְ אִיז וֶוען מֶען הֵייבְּט אָן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין שׁוֹין פוּן זוּנְטָאג, אַזוֹי וְוִי עֶס וֶוערְט גֶע'פַּסְקְ'נְט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (אוֹרַח חַיִּים סִי' רפ"ה סְעִיף ג') אַז מֶען קֶען שׁוֹין פוּן זוּנְטָאג אָנְהֵייבְּן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין, אוּן דֶער מִשְׁנָה בְּרוּרָה בְּרֶענְגְט (שָׁם) אַז דֶער הֵיילִיגֶער גְרָ"א פְלֶעגְט זִיךְ אַזוֹי פִירְן, דָאס מֵיינְט אַז זוּנְטָאג אִיז מֶען מַעֲבִיר סֶדְרָה פוּן אָנְהֵייבּ סֶדְרָה בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג פוּן שֵׁנִי בִּיז שְׁלִישִׁי, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער בִּיז פְרַייטָאג עֶנְדִיגְט מֶען דִי גַאנְצֶע סֶדְרָה.

כָאטְשׁ דֶער אֲרִ"י הַקָדוֹשׁ זָאגְט אַז עֶס אִיז בֶּעסֶער צוּ מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין דִי גַאנְצֶע סֶדְרָה פְרַייטָאג, דַארְף מֶען אָבֶּער קוּקְן אוֹיף דִי מְצִיאוּת, פַּאקְטִישׁ זֶעהְט מֶען בַּיי רוֹב מֶענְטְשְׁן אַז מֶען קֶען נִישְׁט מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין פְרַייטָאג, אוּן סְפֶּעצִיעֶל אִין דִי קוּרְצֶע ווִינְטֶער פְרַייטָאגְס אִיז כִּמְעַט נִישְׁט מֶעגְלִיךְ צוּ מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין, אוּן אַזוֹי גֵייט דוּרְךְ אַ וָואךְ נָאךְ אַ וָואךְ אוּן מֶען אִיז נִישְׁט מַעֲבִיר סֶדְרָה, וַוייל מֶען וִויל עֶס נָאר טוּן פְרַייטָאג.

דֶערְפַאר קֶען מֶען זִיךְ בַּיי דֶעם פַארְלָאזְן אוֹיף דִי פְּשׁוּט'עֶ הֲלָכָה אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ, אַז מֶען קֶען שׁוֹין אָנְהֵייבְּן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין פוּן זוּנְטָאג, אוּן אַזוֹי וֶועט מֶען אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ דִי אַלֶע גוּטֶע סְגוּלוֹת וָואס דָאס בְּרֶענְגְט מִיט זִיךְ.

## זָאגְן מִשְׁנַיוֹת

יֶעצְט אִין "שַׁבָּת בְּרֵאשִׁית" אִיז דִי צַייט אָנְהֵייבְּן אַ שִׁיעוּר אִין זָאגְן מִשְׁנַיוֹת, אַ יֶעדְן טָאג אַ פֶּרֶק אָדֶער צְוֵויי, יֶעדֶער אֵיינֶער וִויפִיל עֶר קֶען, אָנְהֵייבְּן פוּן אָנְהוֹיבּ מַסֶכֶת בְּרָכוֹת אוּן אַזוֹי צוּבִּיסְלֶעךְ דוּרְכְגֵיין שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה בִּיז מַסֶכֶת עוּקְצִין, אוּן אָנְהֵייבְּן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל.

מִשְׁנַיוֹת הָאט אַ כֹּחַ אַז עֶס הֵיילִיגְט אוּן רֵיינִיגְט דֶעם מֶענְטְשׁ, אוּן דְרֵייט אִים אִיבֶּער צוּ וֶוערְן גוּט, מִשְׁנָה אִיז דִי אוֹתִיּוֹת נְשָׁמָה, עֶס רֵיינִיגְט דִי נְשָׁמָה, מִשְׁנָה אִיז דִי אוֹתִיּוֹת מְשַׁנֶּה, עֶס טוּישְׁט דֶעם מֶענְטְשׁ צוּם גוּטְן, דֶער מִדְרָשׁ זָאגְט (מוּבָא בְּמִדְרַשׁ תַּלְפִּיּוֹת) אַז אָשֵׁר בֶּן יַעֲקֹב זִיצְט בַּיים טִיר פוּן גֵיהִינוֹם, אוּן וֶוער עֶס הָאט גֶעזָאגְט מִשְׁנַיוֹת לָאזְט עֶר נִישְׁט אַרַיין דָארְט, נָאר עֶר פִירְט אִים צוּ זִיךְ אִין גַן עֵדֶן, אוּן אַזוֹי זֶעט מֶען אִין פָּסוּק (תְּהִלִּים ל') הֶ'עֱלִיתָ מִ'ן שְׁ'אוֹל נַ'פְשִׁי, אִיז רָאשֵׁי תֵּיבוֹת מִשְׁנָה, מִשְׁנַיוֹת נֶעמְט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן שְׁאוֹל תַּחְתִּית, דֶערְפַאר אִיז זֵייעֶר גוּט זִיךְ צוּ מַאכְן אַ שִׁיעוּר אִין מִשְׁנַיוֹת.

<<<<<<

---

שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב

# מֶעג מֶען זִיךְ צוּפִּיצְן דִי בָּארְד?

*שְׁאֵלָה:*

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

מַיין מַאן ווִיל פְרֶעגְן אוֹיבּ מֶען מֶעג זִיךְ קוּרְצֶער מַאכְן דִי בָּארְד.

פוּן וֶוען אִיךְ הָאבּ אִים גֶעזָאגְט אַז דִי בָּארְד אִיז דִי צִינוֹרוֹת פוּן פַּרְנָסָה, דָאס בְּרֶענְגְט דִי פַּרְנָסָה, רִירְט עֶר נִישְׁט אָן בִּכְלַל דִי בָּארְד, אָבֶּער עֶס שְׁטֶערְט מִיר אַז בַּיי אֵיין זַייט אִיז עֶס לֶענְגֶער, מֶער עֶר עֶס אַבִּיסֶעלֶע צוּפִּיצְן? אָדֶער הֵייסְט דָאס שֶׁערְן דִי בָּארְד?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

*תְּשׁוּבָה:*

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת הַאֲזִינוּ, י"א תִּשְׁרֵי,
מָחֳרַת יוֹם הַכִּפּוּרִים, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

בֶּעטְס נִישְׁט פוּן אַייעֶר מַאן עֶר זָאל זִיךְ צוּ-פִּיצְן דִי בָּארְד, דִי בָּארְד אִיז זֵייעֶר הֵיילִיג אוּן זֵייעֶר וִויכְטִיג פַאר'ן מֶענְטְשׁ מִיט זַיינֶע דוֹרוֹת, יֶעדֶע אֵיינְצֶעלְנֶע הָאר פוּנֶעם בָּארְד אִיז שְׁרֶעקְלִיךְ הֵיילִיג.

דִי בָּארְד בְּרֶענְגְט פַּרְנָסָה, דִי בָּארְד בְּרֶענְגְט שֶׁפַע, דִי בָּארְד אִיז דִי צִינוֹרוֹת, יֶעדֶע אֵיינְצֶעלְנֶע הָאר פוּנֶעם בָּארְד אִיז אַזוֹי הֵיילִיג, מֶען קֶען זִיךְ גָארְנִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דָאס טַייעֶרְקֵייט אוּן הֵיילִיגְקֵייט פוּן דֶעם.

**אַ גוּט שַׁבָּת.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה הַאֲזִינוּ תשפ"ה)

<<<<<< מיט'ן רעבטן פוס

## גְמָרָא

אוֹיךְ דַארְף מֶען זִיךְ יֶעצְט פָארְנֶעמֶען צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל גְמָרָא חֹק וְלֹא יַעֲבוֹר, וֶוען אַ מֶענְטְש לֶערְנְט גְמָרָא וֶוערְט עֶר אַרוּמְגֶענוּמֶען מִיט דִי פִיר גְרוֹיס מַלְאָכִים וָואס הִיטְן אִים פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס, וִוי עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין סֵפֶר הַחַיִּים (לְאָחִיו שֶׁל הַמַּהֲרַ"ל מִפְּרַאג זַ"ל) אַז גְמָרָא אִיז רָאשֵׁי תֵּיבוֹת גַ'בְרִיאֵל מִ'יכָאֵל רְ'פָאֵל אוּ'רִיאֵל.

וּבִפְרַט וֶוען אַ מֶענְטְש אִיז זוֹכֶה צוּ לֶערְנֶען אַ בְּלַאט גְמָרָא יֶעדְן טָאג, דָאס גֶעבְּט אִים אַ צוּרָה פוּן אַ מֶענְטְש, וִוי דֶער צַדִיק רֶבִּי שְׁלֹמֹה'קֶע זְוֶועהִילֶער זי"ע פְלֶעגְט זָאגְן אַז וֶוער עֶס לֶערְנְט נִישְׁט אַ דַף גְמָרָא אַ טָאג הָאט אַ צוּרָה פוּן אַ בְּהֵמָה רַחֲמָנָא לִיצְלָן, דֶערְפַאר לֶערְנְט מֶען דֶעם שַׁבָּת אַ בְּלַאט גְמָרָא, אוּן דָאס וֶועט הֶעלְפְן אַז מֶען זָאל שׁוֹין אַ גַאנְץ יָאר לֶערְנֶען גְמָרָא.

## מֶדְרָשׁ

אוֹיךְ אִיז גוּט זִיךְ צוּ מַאכְן אַ שִׁיעוּר אִין מֶדְרָשׁ יֶעדְן טָאג, מֶדְרָשׁ רַבָּה אוּן מֶדְרָשׁ תַּנְחוּמָא, דִי מִדְרָשִׁים זֶענֶען דִי בֶּעסְטֶע מוּסָר סֵפֶר, אוּן עֶס אִין דֶעם בַּאהַאלְטְן גָאר אַסַאךְ סוֹדוֹת הַתּוֹרָה. דֶער צַדִיק רֶבִּי אַהֲרֹן קַארְלִינֶער זי"ע הָאט גֶעזָאגְט אַז מָשִׁיחַ צִדְקֵנוּ וֶועט זָאגְן פְּשַׁט אִין מֶדְרָשׁ, וַוייל דֶער אֲרִ"י הַקָדוֹשׁ הָאט מַסְבִּיר גֶעוֶוען דֶעם זֹהַר, אוּן דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָדוֹשׁ מִיט זַיינֶע תַּלְמִידִים הָאבְּן מַסְבִּיר גֶעוֶוען דֶעם אֲרִ"י הַקָדוֹשׁ, אָבֶער אוֹיף מֶדְרָשׁ וֶועט מָשִׁיחַ זָאגְן פְּשַׁט, דֶערְפַאר אִיז אַ גוּטֶע זַאךְ זִיךְ צוּ מַאכְן אַ שִׁיעוּר אִין מֶדְרָשׁ, לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַ שְׁטִיקְל בִּיז בְּמֶשֶׁךְ דִי צַייט עֶנְדִיגְט מֶען דֶעם גַאנְצְן מֶדְרָשׁ.

וֶוען אַ מֶענְטְש הָאט דִי פִיר שִׁיעוּרִים אִין מִקְרָא, מִשְׁנָה, גְמָרָא, מֶדְרָשׁ, הָאט עֶר אַ גֶעשְׁמַאקֶע סְעוּדָה פַאר זַיין נְשָׁמָה, אוּן עֶר וֶועט בַּאקוּמֶען דִי בְּרָכוֹת וָואס יִצְחָק הָאט גֶעבֶּענְטְשְׁט יַעֲקֹב, וְיִתֶּן לְךָ הָאֱלֹקִים - מִטַּל הַשָּׁמַיִם - וּמִשְׁמַנֵּי הָאָרֶץ - וְרֹב דָּגָן - וְתִירֹשׁ, וָואס דֶער מֶדְרָשׁ זָאגְט אוֹיף דֶעם (בְּרֵאשִׁית רַבָּה ס"ו, ג) מִטַּל הַשָּׁמַיִם - דָאס אִיז מִקְרָא. וּמִשְׁמַנֵּי הָאָרֶץ - דָאס אִיז מִשְׁנָה, וְרֹב דָּגָן - דָאס אִיז גְמָרָא, וְתִירֹשׁ - דָאס אִיז מֶדְרָשׁ.

וֶוען אַ אִיד נֶעמְט זִיךְ אוּנְטֶער דִי לִימוּדִים אִין דֶעם שַׁבָּת וֶועט עֶר זִיכֶער הָאבְּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אִים שִׁיקְן אַלֶע גוּטֶע הַשְׁפָּעוֹת בְּרוּחֲנִיוּת וּבְגַשְׁמִיוּת אוֹיף אֵייבִּיג.

(תּוֹךְ הַנַּחַל שב"ק בַּבּוֹקֶר
פַּרְשַׁת בְּרֵאשִׁית תשס"ט לפ"ק)

**נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'**

# נייע שטאק ארויפגעצויגן פאר די תלמוד תורה אין קרית ברסלב

יא עס איז א פאקט! יעצט ווען איר לייענט די שורות, זיצן שוין די קינדערלעך אינעם נייעם שטאק וואס איז ארויפגעצויגן געווארן אויפ'ן עקזיסטירנדן בנין אויף 39 טשעסנאט.

דער ראש ישיבה שליט"א האט געבעטן דעם בויער, מו"ה אברהם שבתי מזרחי הי"ו, ער זאל טון די קאמפליצירטע ארבעט פון ארויפציען דעם שטאק, אבער ער זאל עס זען צו ענדיגן אויף אזוי שנעל ווי אסרו חג, כדי די קינדער זאלן קענען אנהייבן ניצן דעם פלאץ גלייך נאך יום טוב.

נאכ'ן איבערגיין די פלענער, און זען וויפיל טעג עס איז נאך דא ביז אסרו חג, און וויפיל טעג צווישן די ימים טובים עס וועט בכלל זיין מעגליך צו ארבעטן, איז ר' שבתי נ"י צוריקגעקומען מיט'ן פאזיטיוון ענטפער אז מען וועט עס מיטן אייבערשטנ'ס הילף באוויזן.

ממש הארט פאר ראש השנה, נאכ'ן באקומען די פערמיטן צו בויען, האט מען זיך גענומען צו די ארבעט מיט פלייס און אייפער. מען האט געארבעט בייטאג און ביינאכט אן אויפהער. מען האט געארבעט איינער אינעם צווייטן.

און יא ברוך השם מען האט דאס באוויזן. די וואך זונטאג פרשת נח האט מען באנייט דעם הערליכן גרויסן שיינעם שטאק, וואס אנטהאלט אין זיך ברייטע קלאסן פאר יעדע כיתה באזונדער.

אלע תושבים זענען זייער דאנקבאר פאר אלע וואס האבן זיך אנגעשטרענגט, און אריינגעארבעט אז דאס זאל קומען צום רעאליטעט, אלעס כדי אונזערע טייערע קינדער זאלן האבן א רואיגע געשמאקע ווינקל צו לערנען און דאווענען, און קענען חזר'ן נאך א טאג אז דער אייבערשטער פירט די וועלט, און נאר צו אים ווענדט מען זיך ווען מען האט א פראבלעם.

באזונדער טוען מיר זיך הערצליך באדאנקען פאר די באקאנטע באליבטע גבאי צדקה מו"ה שבתי מארקוס הי"ו און מו"ה אשר בער אינדארסקי הי"ו, וואס האבן גענומען אויף זייערע פלייצעס די אויפגאבע פון שאפן די איבער א מיליאן דאלער וואס דער פראיעקט האט אפגעקאסט, דער אייבערשטער זאל זיי באצאלן אלעס גוטס פאר די געוואלדיגע ארבעט.

**אין העולם מתקיים אלא בשביל הבל תינוקות של בית רבן**

**מוסדות היכל הקודש ברסלב**

# סימן טוב ומזל טוב

**מיר וואונטשן א הארציגן ברכת מזל טוב פאר'ן**

# ראש ישיבה שליט"א

**צום געבורט פון א אינגל למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן אז דער ראש ישיבה שליט"א זאל זען אסאך אידיש נחת פון אלע קינדער און אייניקלעך און תלמידים, דורות ישרים ומבורכים, געזונט און פרנסה מיט פיל אידיש נחת; דער ראש ישיבה שליט"א זאל ווייטער קענען ממשיך זיין מיט די עבודת הקודש צו מחזק זיין אידישע קינדער איבער די גאנצע וועלט, אריינברענגען די עצות פון הייליגן רבי'ן אין אידישע קינדער, אזוי ווי מוהרא"ש האט אונז געלערנט, מיט בני ברוכי חיי אריכי ומזוני רויחי וסייעתא דשמיא

## סימן טוב ומזל טוב

מו"ה **יצחק אהרן וויינבערג** הי"ו קרית ברסלב
**צו די שמחת בר מצוה פון זיין זון למזל טוב**
הבחור **נחמן נתן וויינבערג** נ"י

***

מו"ה **מרדכי היימליך** הי"ו קרית ברסלב
**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

***

מו"ה **משה עקשטיין** הי"ו קרית ברסלב
**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

***

מו"ה **זושא פריעדמאן** הי"ו קרית ברסלב
**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

***

מו"ה **ליפא שווארץ** הי"ו קרית ברסלב
**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

***

מו"ה **יושע סופר** הי"ו וויליאמסבורג
**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

***

מו"ה **יואל נחמן גליבער** הי"ו לינדען
**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**

***

מו"ה **בערל לעווי** הי"ו קרית ברסלב
**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**

***

מו"ה **משה לייב ניימאן** הי"ו קרית ברסלב
**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**

***

מו"ה **יושע ראבינאוויטש** שליט"א קרית ברסלב
**חשובער מלמד אין אונזער הייליגע מוסדות**
**צו די אפשערן פון זיין זון דוד נ"י למז"ט**


## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי"ס, USB'ס, SD'ס, און נאך;**
**דעליווערט צו אייער טיר!**
רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו
**718-387-2691**
**און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים**

## פרויען האטליין
**קוואל פון אמונה**

**די באלעבאסטע ווינקל, שיעורים פאר פרויען, שאלות ותשובות, פערזענליכע מעשיות, שפאציר אין שולע, קינדער אפטיילונג, מוזיק, און נאך פיל**
**קול ברסלב**
**212-444-9169**

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; פערזענליכע מעשיות; און נאך**
845-351-0910 / 212-444-9191
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינא 1152354370
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון אמונה (פרויען) - שיעורים; פערזענליכע מעשיות; רעסעפיס; און נאך**
845-351-9060 /212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
בעלגיע 3235003462 / ארגענטינא 1152354380
חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com/** טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**

< BreslevCenter.com >